ווער משמרת חומותיך ירושלים
שע"י קהל יטב לב דסאטמאר - בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

בס"ד

# "הרואה סוטה בקלקולה" קאסט א פרייז

**די וואך אין די סדרה לערנען מיר פרשת נזיר און פרשת סוטה איינע נעבן די צווייטע.**

**חכמינו ז"ל אין מס' סוטה שטעלן זיך שוין אויף די סמיכת הפרשיות, און זיי זאגן "ללמד שכל הרואה סוטה בקולקולה יזיר עצמו מן היין".**

לכאורה ווערט שווער, פארוואס דייקא דער וואס איז "רואה סוטה בקלקולה" אויף אים ליגט א פליכט מוסיף צו זיין גדרים וסייגים, כי יין מביא לידי ניאוף, די סברא חיצונה זאגט פונקט פארקערט, אז דער וואס איז 'רואה סוטה בקלקולה' ער זעהט ווי געמיין עס זעהט אויס א בעל עבירה, ער זעהט דעם ביטערן עונש, ער זעהט וואס עס איז דער סוף פון די אלע געמיינע בעלי תאוה, דאס אלעס דארף שוין דינען פאר אים אלס א לעקציע און מוסר השכל צו שטיין ווייט פון אזעלכע זאכן, און די סברא חיצונה זאגט אז איינער וואס איז געווען א 'רואה סוטה בקלקולה' וועט שוין אויטאמאטיש שטיין גאר ווייט דערפון?

ענטפערן די בעלי מוסר זייער א אמת'ן און טיפן דערהער.

דער גרעסטער כח קעגן דעם יצר הרע, דער גרעסטער תריס בפני הפורעניות היינט צוטאגס איז די מדה פון "בושה".

וויפיל נסיונות עס קומען פאר פאר א מענטש, וויפיל מאל עס קומט אים אונטער א עבירה, און עס איז כפתע בינו לבין העבירה, אבער ער האלט זיך צוריק און ער איז זיך מתגבר אויף זיין יצר הרע, פארוואס? ווייל ער האט מורא איינער וועט זעהן צי איינער וועט געוואויר ווערן.

ווען א מענטש זעהט א עבירה בראש כל חוצות, ער זעהט א עולה, ער זעהט א פירצה, אפילו אויב ער אליין איז א עדין הנפש, און ער איז ווייט דערפון כרחוק מזרח ממערב, און צומאל טוט אים דאס אויפשטורעמען און אויפציטערן דאס געוויסן, דאך ווערט דאס קעלטער ביי אים, עס מאכט חרוב ביי אים די בושה, ווייל ער האט געזעהן אז עס זענען דא אנדערע מענטשן וואס טוען דאס, ער האט געזעהן ווי דאס גייט אן בראש כל חוצות, ער זעהט אז דאס איז פארט א מציאות.

און דא שטעקט די גרויסע סכנה.

ווייל אויב זאל ער זעהן איינמאל און נאכאמאל, אפילו ווען דאס איז ביי אים פסול לגמרי, וועט דאס פארלירן צוביסלעך די שארפקייט, ווייל פאקטיש טוט מען דאך אזוי...

מהאי טעמא האט די תורה געזאגט "כל הרואה סוטה בקלקולה יזיר עצמו מן היין", אמת, ער האט געזעהן בקולקולה, ער האט געזעהן ווי געמיין דאס איז, ער האט געזעהן ווי מיאוס דאס איז, ער האט געזעהן דעם ביטערן עונש וואס מ'גיט דערפאר, אלעס אמת, אבער ער האט געזעהן... ער האט געזעהן אז עס איז דא דער באגריף פון טון אן עבירה, און דאס צוברעכט דעם כח פון בושה, און צוקלאפט זיין פאנצער, זיין תריס בפני הפורעניות.

**כלפי מה דברים אמורים.**

**ליידער ליידער זענען מיר אין א בחינה פון "הרואה סוטה בקלקולה", מיר זענען אלע לעבעדיגע עדות צו א נייעם מציאות, וואס מען האט נאך ביז היינט נישט געזעהן אין געהערט.**

**תושבי חוץ לארץ האבן נישט די געלעגנהייט דאס צו זעהן מיט די אויגן, זענען זיי בבחינת "השומע סוטה בקלקולה", אבער תושבי ארץ ישראל זענען ליידער בבחינת "הרואה", מען זעהט דעם חורבן פאר די אויגן, און מיט יעדע ראי' ווערט ליידער אפגעשוואכט דער כח ההתנגדות, און דער מידת הבושה, און דער תריס בפני הפורעניות ווערט צובראכן דורכדעם.**

אויב זענען מיר אלע יארן געבוירן געווארן און אויפגעוואקסן אז א "צה"ל" איז א דבר פסול מעיקרא. קינד און קייט האט געוואוסט אז א מיליטערישער מונדיר מיינט א חילוני, אין ארגסטן פאל א 'כיפה סרוגה', און ערליכע אידן האבן געוואוסט אז אלע גדולי ישראל פון פריערדיגן דור האבן דאס גע'אסר'ט בכל החומר, אלע גדולי ישראל אן אויסנאם האבן געשריבן אז דער ציוני'סטישער מיליטער איז ביהרג ואל יעבור, און א ערליכער איד דארף זיך ממש מוסר נפש זיין נישט צו גיין דינען אין זייער מיליטער וואס איז געשטעלט אויף די ג' עבירות חמורות.

מיט געציילטע יארן צוריק ווען עס האט זיך אנגעהויבן די ערשיינונג פון א איד מיט א בארד אין צה"ל, האט מען געוואוסט אז דאס איז א ספעציעלער איינהייט פאר די 'נושרים'. וואס כאטש אלע ערליכע ראשי ישיבות האבן מרעיש עולמות געווען אויך קעגן דעם נחל חרדי, און מען האט געפירט קעגן דעם מערכות. און זיי האבן נישט געוואלט אננעמען די תירוצים אז דאס איז נאר פאר אזעלכע ביליגע אויסווארפן וואס זענען ליידער ארויסגעפאלן פונעם מסגרת, ווייל זיי האבן געזעהן צו וואס דאס וועט ברענגען.

לײדער היינט צוטאגס האלט דאס שוין ביי שרעקליכע מצבים.

מיט חדשים צוריק איז געווען "הרואה סוטה בקלקולה" ווען מען האט ביי די צענטראלע באס-סטאנציעס אין ירושלים געזעהן חסיד'ישע אינגעלייט אנגעטון אין מיליטערישע קליידונג גייען, פארן און קומען צו די ארבעט. אדער ביי מנחה-מעריב אין די איצקאוויטש שטיבלאך אין בני-ברק.

ווען מען האט דאס געזעהן האט מען בלי שום ספק אויפגעציטערט, מעגליך אז מען האט אפילו מוחה געווען, עס האט ווי געטון און מען האט ביטערליך מתאונן געווען אויף דעם מצב, עס האט זייער ווי געטון.

אבער מ'איז שוין געווען אין א בחינה פון "הרואה סוטה בקלקולה", מען האט דאס שוין געזעהן, און מיט יעדע ראי' איז אויטאמאטיש שוואכער געווארן דאס התנגדות, עס איז פון זיך אליין שוואכער געווארן די בושה. און היינט ווייסט מען שוין אז עס איז א מציאות, עס איז א פאקט אז עס זענען דא עטליכע טויזנט היימישע אינגעלייט אינעם ציוני'סטישן מיליטער וואס איז דער יסוד פון כפירה בה' ובתורתו, און דאס גרעניצט זיך לײדער מיט אלע עבירות שבתורה.

דער קלימאקס פונעם "הרואה סוטה בקלקולה" איז לײדער געקומען אין די לעצטע טעג, ווען עטליכע רבנים און מגידים האבן זיך אנגעטראגן צו גיין געבן שיעורי הכנה לחג השבועות פאר די פרומע חיילים אין זייער שח"ר איינהייט.

אזוי אויך דער נייע חסיד'ישער חבר כנסת המינים מחליט געווען אפצוגעבן א באזוך אין דעם אפטיילונג, און אויפטרעטן מיט א דרשה פאר די חברי הנח"ל.

מ'כאפט זיך בכלל נישט וואס דא גייט פאר, און וואס דא פאסירט פאר אונזערע אויגן.

במשך א קורצע צייט פון עטליכע חדשים האט אונטער אונזער רוקן פאסירט א שרעקליכע מהפיכה, א זאך וואס במשך לאנגע יארן איז געווען אסור בתכלית, פסול בתכלית, א זאך וואס איז געווען מאוס ונמאס בכל לשן לחישותא, ווערט מותר. מ'הערט רעדן פון שיעורי תורה, דרשות התעוררות, דער רב איז געגאנגען, יענער מחזיר בתשובה, און דאס איז א גושפונקא דהיתרא פאר די שרעקליכע כפירה באלקי ישראל, וואס שפילט אריין אין די הענט פון די שונאי הדת ומפירי ברית, וואס זיצן און שפעקולירן "הבה נתחכמה" אויף דאס יהדות החרדית.

**עס כאפט באמת א פחד ווען מ'טראכט אריין אונזער מצב "אתה ישן והוא ער לך", מיר כאפן זיך אליינס נישט ווי ביטערע און ווי רעפינירט דער ס"מ איז, עס רוהט נישט קיין מינוט, און ער איז כסדר פארנומען מיט כל מיני תחבולות ווי אזוי אויסצושפילן דאס יהדות החרדית און אנקומען צו זיין ציהל.**

עס איז שוין אריבער גלאפן זעכציג פון יענע יארן ווען דאס יהדות החרדית האט געפירט דעם ביטערן קאמף קעגן די מלכות הרשעה אין דעם געביט פון גיין אין מיליטער. די ערשטע רעגירונג פון בן-גוריון שר"י האט דאס געוואלט איינפירן מיט אלע כוחות, זיי האבן געוואלט גיין מיט קראפט, און דאס יהדות החרדית האט געפירט א פאראייניגטע מערכה מיטן שרייען ניין! און נאך א לאנגע מערכה האבן די ציונים אראפגעלייגט דאס געווער.

כאטש זיי האבן קיינמאל נישט אפגערופן דעם געזעץ, אבער זיי האבן דאס אויך נישט אויסגעפירט, זיי האבן דאס איגנארירט וואוסנדיג אז זיי וועלן נישט ארויסגיין פון די מערכה מיט קיין כבוד און עס איז נישט כדאי.

אבער אויב האבן מיר געמיינט אזדער ס"מ לייגט אראפ די הענט און ער גיט אויף, דאן ווערן מיר געוואויר צום וויפילטן מאל אז ניין, בכלל נישט, ער גיט נישט אויף, עס איז בלויז דאס אז ער האט צייט און געדולד איבערצוצייגן אז ער געוואונט סוכ"ס.

אין די לעצטע יארן זענען מיר שוין געוואויר געווארן אז ער האט נישט געגבן קיין געלט פאר די תלמידי תורה בחינם. ניין, דרייסיג יאר האט ער געשפילט אזא שפיל ווי כאילו ער וויל שטיצן תורה, און ער וויל אויסהאלטן די תלמודי תורה, און דאן האט מען אנגעהויבן צו בעטן דעם פולן פרייז, אין פראעם פון "תכנית הליבה", און לײדער האלטן זיי שוין פעסט אינמיטן איינקאסירן זייער חוב.

יעצט ווערן מיר געוואויר אז דאס "השתמטות החרדים מצבא" איז אויך קיינמאל נישט געווען לעגאל, זיי האבן דערצו קיינמאל נישט מסכים געווען, מ'האט נאר געדארפט ווארטן.

מ'האט געדארפט ווארטן ווילאנג די אלע עלטערע אידן פונעם פריערדיגן דור זאלן גיין בדרך כל הארץ, עס האט געדארפט

**דעת תורה מאת מרן החזו"א זצוק"ל**

מתוך מכתבו של הגאון הגדול רבי שמחה זיסקינד (זיסל) ברודיא זצ"ל, ראש ישיבת חברון, שכתב לאביו ז"ל (מיום ו' אלול תרצ"ח) בדבר השאלה שעלתה אצלו האם להשתתף בארגוני שמירה של הארגונים הציונים באה"ל תלת"י, כיון שהדבר נוגע לסכנת נפשות, וסיפר במכתבו שנכנס עם שאלה זו למרן החזון איש זצ"ל, שענה לו כדלהלן:

"...אם כי שסכנות נפשות דוחה הכל, מ"מ עניני דת ואמונה אינו נדחה. ואני הוספתי לשאול, אם אני בטוח בעצמי שלא אגרר אחריהם, היתה תשובתו שבזה אין הבדל אפילו לגדול בישראל, והזכיר לי שפלגש בגבעה נהרגו אלפים ורבבות מפני שאלה של ההורה למוטב של חלק מישראל, כ"ש שהצלה מהרג אינו כדאי בזמן שיש שאלה של הפסד רוחניות ודעות..."



**פוחד אני מפני גזירת גיוס בני הישיבות**

לאחר שיצא בן גוריון מבית אמר מרן זי"ע:

**"פוחד אני מפני גזירת גיוס בני הישיבות יותר מגזירת גיוס הבנות, על גזירת גיוס הבנות שהוא ביהרג ואל יעבור, יודע אני שימסרו את הנפש לפיכך איני חושש שיוציאוה אל הפועל אבל על גיוס בני הישיבות מי יודע אם תהיה נכונות כזו למסירת נפש", עכלה"ק.**

(מספר "אנא עבדא" תולדות הרה"ג ר' צבי קובלסקי זצ"ל בן ביתו של מרן החזו"א זצוק"ל)

**דעת תורה מאת מרן מבריסק זצוק"ל**

עדותו של בנו הגאון רבי רפאל סאלאווייציק זצ"ל

כשבאו להחתים את אבי מרן הגאב"ד מבריסק זצ"ל על גזירת גיוס הבנות, אמר להם בזה"ל:

**"אם הותמים בחריפות איסור רק על גיוס בנות, ולא מזכירים גיוס בנים, משמעות הדבר שגיוס בנים הוא איסור יותר חלש או בכלל אינו אסור, ע"ז איני יכול לחתום, כי מדוע גיוס בנות אסור, בגלל ג"ע, וכי מינות הינו איסור חלש יותר?!"**

**"להתקדר" יהרג ואל יעבור**

העיד גאון אחד זצ"ל מתלמידי מרן החזון איש זצ"ל:

**יהודי אחד שאלו ע"ד הליכה לצבא, והוסיף השואל: "באם אוכל להינצל מאיסורים וחששות אף של דרבנן, אך חוששני שאתקרר שם! (איך וועל קאלט ווערין!).**

**ענהו ע"כ מרן בזה"ל: קאלט ווערין איז יהרג ואל יעבור!!! (להתקרר ביהדות - יהרג ואל יעבור)**

אונטערוואקסן א נייער דור וואס איז שוין נתחנך געווארן אן די אלע נסיונות, און מען האט געדארפט טוישן דעם צוגאנג, אנשטאט גיין בכפיה - א וועג וואס האט קיינמאל נישט מצליח געווען ביי אידן שומרי תורה ומצוות - וועט מען גיין בדרכי נועם, מ'וועט געבן גרויס געלט, כבוד, און נישט שפארן גוטע ווערטער און חיזוק, און אזוי אויפבויען א כח פון 'חרדים לאומנים', פון צווישן דעם פרומען חסיד'ישן, ליטווישן לאגער', און דאס אהערשטעלן ווי נאטורליך, יא, עס איז נארמאל, יא, עס עקזיסטירט, און נאך אביסל, יא עס איז א לכתחילה.

מ'האלט ביי די התחלה אבער זיי האפן אז עס איז נישט ווייט דער טאג וואס פון די הונדערטער וועט ווערן טויזנטער. עס זענען שוין יעצט דא פילע חרדים אינעם '**חיל האוויר**', (**מיליטער אויף די ליפט**) **חיל הים**, (**מיליטער אויפן ים**) עטליכע זענען שוין גאר הויך אין די ראנגען, און זיי קוק'ן ארויס אויפן נאטורליכן קנאת סופרים וואס זאל נאכברענגען אין די קומענדיגע יארן טויזנטער אנדערע פרומע אידן וואס זאלן זיך אנקליידן מיט געווער, זיך מ'לערנען קריכן אויף טאנקען, שיסן מיט קאנאנען, מאנעווירן קריגס-עראפלאנען, און אונטער-וואסער שיפלעך, צילן מיט רעוואלווערס פון אונטערערדישע בונקערס, און פארשטיין דאס חשיבות פון זיך זעלבסט מקריב זיין פארן 'מולדת'...

באמת פון די פראטאקאלן פון די דעבאטעס אין די ציוני'סטישע זיכערהייט קאבינעטן זעהט מען אז די ציונים האבן געציטערט אימת מות פון דעם "פן ירבה" ווי אזוי עס וואקסט א ציבור פרומע אידן וואס האבן נישט קיין שום שייכות מיט זייער מדינה, און נעמט נישט קיין טייל אינעם מיליטער, וואס ווי דער שר הבטחון שאול מופז האט זיך אויסגעדרוקט "זה מדאיג אותי יותר מהאיום האירני".

און דער לעזונג צו דעם פראבלעם איז געפונען געווארן צו רעפארמירן דאס יהדות החרדית אויף גאר א נייעם פארנעם, טוישן דאס מהות פון דעם חרדי'שן עלעמענט, מיר ציטירן זייערע אייגענע ווערטער "הצוות הבין-משרדי, הכולל את נציגי הצבא ומשרד הבטחון סבור כי שירות צבאי מקוצר, הכולל שירות מילואים פעיל, הינו אמצעי חשוב לקידום שילובו של המגזר החרדי בצבא ובחברה באופן כללי, מצב בו מספר רב של גברים חרדים, נקראים מידי שנה לשירות מילואים פעיל במדים, ונותנים מענה משמעותי לכלל האוכלוסייה בעיתות חירום, הם לדעת הצוות מצב אשר יכול ליצור משמעותי הן בשילוב המגזר החרדי בכלל החברה, והן בלגיטימציה המיוחסת במגזר החרדי לשירות בצבא בכלל".

עס כאפט א פחד אין אלע ביינער ווען מיר זעהן ווי אזוי די ראשי ממשלת השמד מאכן פלענער איבער אונז, זיי האבן א קלארע ציהל וואס זיי ווילן און ווי אזוי זיי וועלן דאס מאכן, און זיי זענען מצליח, אבער "אתה ישן"... מיר שלאפן דאס דורך.

אין א באריכט פונעם "שר האחראי על שירות האזרחי לאומי", ווערט געמאלדן: ישנה פעולות בתוך הישיבות החרדיות על מנת להביא לגיוס חרדים, ולא

---

**ירוחם שמואלביץ.** **כ"ג בסיון התשס"ט 00:40**

**צלם לדעת.נט הגיע לבקו"ם רגע לפני הגיוס של 73 האברכים, ושמע מאחד מהם מה גרם לו להתגייס. לאחר שהצלם חזר הבייתה היה מי שדאג להמשיך להנציח את היום הראשון במסגרת הצבאית. התמונות לפניכם.**



שלשה מתוך 73 נפשות יקרות שנפלו לתהום זוהמת הצבא


קליטה ומיון (שימו לב לחסיד... בצד ימין של התמונה)


בתדרוך לחיילים


בחדר האוכל

## דעת תורה

מתוך קריאת מרנן הגאונים שרי התורה
הגרמ"י ליפקוביץ שליט"א
והגר"ח קניבסקי שליט"א

"הנה כאשר בשנים האחרונות מנסים השלטונות בכל מיני דרכים ועצות להכניס שומרי תורה ומצוות ל"שירות לאומי אזרחי" ועבודת הצבא...

הננו להודיע בזה שכל אחד שנכנס למקומות הנ"ל הוא מחריב בזה את עצמו ואת צביון ביתו ועתיד חינוך ילדיו".

מנחם אב תשס"ט

---

# ווער זענען די נ"ע צה"ל'ניקעס?

## ספרדישע?, פאלאשען? ליידער "פרומע חסידשע קר"זן"

**לייענט און שטוינט וואס די "פרייע" צייטונגען באריכטן אין ארצינו הקדושה!**


**מה חיפשו קציני צה"ל בבית האדמו"ר מבעלזא?**

ראש אכ"א האלוף אבי זמיר, רב חיל האוויר הרב משה ים ראב"ד וקצינים נוספים הגיעו לבית כ"ק מרן האדמו"ר מבעלזא ושמעו ממנו: "כל צעיר יהודי צריך ללמוד תורה ולדבוק באמונה, אחרת אין שום אפשרות לקיים עם מוקף אויבים מסביב"

**די אלע פעולות צו אפשטעלן און צו ראטעווען היימישע אינגעלייט פון אנקומען אין מיליטער קאסטן אפ די פאנטאסטישע סכומים פון אריבער דרייסיג טויזענט דאללאר**

**יעדע מודעה, דרוקן, פארשפרייטן, קאסט אריבער טויזענט דאללאר**

רק של בחורים, נושרים, יש פעולות בתוך הישיבות בזהירות ובכבוד, מעבר לכך לא כדאי להרחיב"...

דער "שר האחראי" מעלדעט קלאר, מען ארבעט פעסט אויף אלע פראנטן, מ'ארבעט אינעווייניג אין די ישיבות צו ברענגען בחורים צום מיליטער, און "לאו דוקא נושרים", נאר בחורים וואס דארפן זיין בבחינת "תורתם אומנתם", און עס איז נישט געזונט צופיל צו רעדן.

אוי, מי יגלה עפר מעיניכם רבותינו הקדושים, די צדיקים וואס האבן געוויינט און געציטערט פון דעם מצב, זיי האבן מיט זייערע לעכטיגע אויגן געזעהן אז דער טאג וועט אנקומען, אבער זיי האבן אוודאי נישט געקלערט אז ווען דאס וועט פאסירן וועט דאס אריבערגיין אזוי לייכט און גרינג, און מען וועט ניטאמאל הערן קיין קול מחאה, קיינער האט נישט געקלערט אז עס וועט נישט זיין ינועו אמות הסיפים.

מיר דארפן ארויסקומען מיט א הייליגן רוף צו שלומינו אמוני ישראל!

"הרואה סוטה בקלקולה יזיר עצמו מן היין!" אמת אז עס טוט אונז נאך וויי, אמת עס רייסט פון אונז שטיקער, אבער מיר זענען בבחינת "רואים", עס ווערט צוביסלעך קאלט, עס ווערט לייכטער, און נאכדעם ווערט נמשך דער שרעקליכער שטילשווייגעניש.

מיר דארפן שטעלן גדרים וסייגים, מיר דארפן שטעלן גרעניצן, מיר דארפן בויען חומות נשגבות, ווייל אויב חס ושלום נישט ווייסט איין באשעפער אין הימל וואו דאס וועט זיך ענדיגן.

ווער קען דען בלייבן שטיין גלייכגילטיג אין אזא זמן?!

**אויב דארף מען זיין "יזיר עצמו מן היין" מיינט דאס אז מ'מוז טון א פעולה בקום ועשה!**

**דער וועד למען הצלת החינוך הטהור באה"ק בראשות הגה"ח רבי חיים הכהן ראטה שליט"א און הרה"ח ר' שמואל וויינטרויב שליט"א, שטייען אויפן פראנט און פירן דעם קאמף, אבער זיי זאגן קלאר אז יעדן דאללער וואס קומט אן פון חוץ לארץ ברענג נאך א קונטרס, און נאך א מכתב הסברה, און נאך א קול מחאה, וואס וועט בע"ה בויען דעם חומה וואס זאל נישט לאזן די מגיפה זאל זיך ווייטער פארשפרייטן.**

**אין די לעצטע טעג האבן אומצאליגע רבנים און ראשי ישיבה שליט"א מפרסם געווען א מכתב מחאה קעגן די ערשיינונג, אבער כדי מפרסם זיין דעם בריוו, און ברענגען אז עס זאל צוריק ווערן א "בושה" צו גיין אין די גאסן מיט מיליטערישע קליידער, דארף מען דאס קענען מפרסם זיין.**

**די "וועד להצלת החינוך הטהור" האט די וואך אפגעהאלטן א לענגערן טעלעפאנישן קאנפרענץ מיטונג מיט די רבני וועד "משמרת חומותיך ירושלים" שע"י קהל יטב לב, און זיי האבן אראפגעלייגט שוידערליכע פאקטן פון אלעס וואס עס טוט זיך אויפן פראנט, און זיי שרייען געוואלד "אם החרש נחריש לעת כזאת אנו ובית אבינו נאבד"...**

**עס ווילט זיך נישט טראכטן ווי אזוי עס וועט אויסזעהן א דור נאכדעם וואס חרדי'שע אינגעלייט ווערן באקוועם אין ציוני'סטישן צה"ל.**

**טייערע ברודער געדענקט!**

**איר קענט זיין א סאלדאט אויף דעם פראנט, איר קענט העלפן מונע זיין די מגיפה איידער עס פארשפרייט זיך ארויס פון אלע גרעניצן, און מען וועט שוין נישט קענען ראטעווען.**

**די עסקנים גייען ארום אין די טעג צום ברייטן ציבור נאך געלט צו העלפן די מערכה, אנא שאו ידיכם קודש, לאמיר נישט בלייבן שטיין אין די זייט ווען עס ברענט א פייער און די סכנה איז אזוי גרויס.**

**כולנו למערכה להצלת הדת!**


וועד

# הצלת חינוך הטהור

באה"ק

## נגד גזרת השמד (תכנית הליבה)

## שע"י העדה החרדית

### מיט אייערע נדבה...

- העלפט איר צו די מלחמה קעגן די גזירת השמד תכנית הליבה, וואס די ממשלת המינים זענען גוזר צו לערנען אין די בתי חינוך לימודי חול וכפירה רח"ל.
- רופט איר אויס א מחאה אויף די מוסדות התורה וואס האבן לײדער נישט צוגעהערט צו רבותינו הקדושים, וואס האבן געווארענט וועגן די גרויסע סכנה פון נהנה זיין משולחן איזבל.
- ווערט באצאלט די הוצאות פון די כסדר'דיגע מערכה קעגן די שרעקליכע גזירה. <u>מודעות, קונטרסים, קלעבערס, דרשות הסברה</u>, א.ד.ג.
- וועט איר זוכה זיין צו די ליכטיגע **ברכה פון "ברוך אשר יקים את דברי התורה הזאת"**.

**אויף די רוף פון חברי הבד"ץ פון העדה החרדית וועגן די שרעקליכע גזירה תכנית הליבה אין די נייע ביטערע גזירה פון חרדישע אידן אין מיליטער,**

**ווי כ"ק מרן רבינו שליט"א האט דערמאנט "כ"א כסלו" במעמד אלפי ישראל וועגן די גרויסע סכנה**

BETH DIN TZEDEK
OF THE ORTHODOX
JEWISH COMMUNITY
26\A STRAUSS ST.
JERUSALEM
P.O.B. 5006 TEL 02-6246345 FAX 02-6221317

בית דין צדק
לכל מקהלות האשכנזים
שע"י "העדה החרדית"
פעיה"ק ירושלם תובב"א
רח' שטראוס 26/א
ת.ד. 5006 טל. 02-6252808 פאקס 02-6221317

ב"ה

<u>קריאת קודש</u>

הננו בזה בקריאת קודש אל אחב"י בכל מקומות מושבותיהם בדבר המערכה העומדת על הפרק אשר היהדות החרדית בפה עיר וארץ הקודש עומדים במערכה פנים ואחור אל מול משנאי ה' אשר נשאו ראש, וידו פרש צר על כל מחמדי ישראל ה"ה תינוקות של בית רבן הבל פיהם שאין בהם חטא, אשר חוקקו חוקי און ורשע להשתלט כליל על מוסדות התורה והחינוך, ע"י תוכנית הליבה ומבחני מיצ"ב, ועתה נוסף גם הוא "חוק הישיבות הקטנות" אשר מטרתו אחת ויחידה להשתלטות השלטון כליל על הישיבות הקטנות בתקנות שונים ומשונים, וח"ו אם אין גדיים וכו', והסכנה בעיצומה סכנת מסירת התורה לידי מפיריה.

והנה אין כוחנו אלא בפה, והיהדות החרדית בראשות הרבנים הגאונים שליט"א וראשי ועד החינוך שע"י העדה החרדית עומדים ומתריעים בשער בת רבים על גודל הסכנה האיומה הטמונה ואורבת לפתחם של בני ישראל, וזה כבר כמה שנים שאנו מוחים באסיפת עם ולקרוא עצרה לעציר בעד המשחית, לגדור גדר ולעמוד בפרץ.

אך הנה אנו בזה בפניכם בבקשה דחופה היות והמערכה עד הנה ובפרט המערכה העומדת לפנינו עולה הון עתק ודמים מרובים, ואין בידי העסקנים מאין לקחת את הכסף שזקוקים בו להמשך המערכה, ובכן שאו ידיכם קודש לשלוח מהתם להכא להשתתף בנשיאת עול הוצאות המערכה, כי על כן כל מוסדות התורה תלויים במערכה זו, ותוצאות הגזירה מי ישורנה אם לא נזעק ונתריע, ומי יודע לאן יתדרדרו באין קול זעקה ומחאה.

והשי"ת יראה בענינו ויחיש ישועה לעמו הנדכה והנכאב היושב במצור ובמצוק, ובקרוב בימינו נשמע קול מושיעים יעלו להר ציון יהיה לעת ערב יהיה אור גדול בבוא לציון גואל בב"א.

הבד"ח יום י"ב סיון תשס"ט לפ"ק הביד"צ דפעיה"ק ת"ו

נאם [illegible]
נאם [illegible]
נאם יעקב מענדל [illegible]

**עסקנים וועלען ארומגיין יעדע וואך אין ביהמ"ד זייט אייך משתתף מיט סכומים הגונים**

**געדענקט! די שרעקליכע נייע סכנה**

**איז אויך א סכנה פאר די ערליכע אידן אשר לא כרעו לבעל הציונית**